אידיש

# נַפְשִׁי שׁוֹבֵב

מתוך שיעורי תורת הנפש ע"י הגה"צ ר' יהושע נתן פייפער שליט"א, אבד"ק ברכת מנחם

גליון ט'

# אנטדעקן די באהאלטענע נגיעות

## תוכן הענינים:

**די באהאלטענע חלק פונעם מוח** - וואס האט אליעזר געמיינט מיט זיין שאלה - **פארוואס שטייט עס נישט פריער** - פארוואס דאוונט ער ביים ברונעם - **שוחד איז א חוק אין דער בריאה** - די הייליגע אמוראים טארן נישט פסק'נען - **א שווערע סתירה פונעם ש"ך** - די ראיות טוישן זיך פון זיך אליינס - **משה רבינו ברענגט די שאלה צום באשעפער** - אויב מען קען נישט פטור ווערן פון א שלעכטע געוואוינהייט - **מען דארף דערגיין דעם שורש** - נישט אייביג זאל מען מאכן חשבונות

## א שאלה, אן ענטפער, און מ'גייט ווייטער

אין פרשת חיי שרה לערנען מיר ווי אברהם אבינו רופט צו זיך אליעזר'ן און הייסט אים גיין זוכן א שידוך פאר יצחק. אברהם אבינו זאגט אים אן: **זאלסט נישט נעמען פון בנות כנען** – "כי אל ארצי ואל מולדתי תלך", **גיי צו מיין אייגענער משפחה**. פרעגט אים אליעזר: "אולי לא תאבה האשה ללכת אחרי" - **אפשר וועט דאס מיידל נישט וועלן מיטגיין מיט מיר?** ענטפערט אים אברהם אבינו: "**דעמאלסט ביסטו פטור** – ונקית משבועתי זאת".

אליעזר קומט אן קיין ארם נהרים, און ער שטעלט זיך אוועק רעדן מיט בתואל און מיט לבן. אינמיטן דעם שמועס דערציילט ער בתוך הדברים אז ער האט געפרעגט ביי זיין הער: "**אולי לא תאבה האשה ללכת אחרי**". זאגט רש"י דארט: "אולי" - **אלי** כתיב, חסר וא"ו. עס פעלט א ו' פון אולי, צו מרמז זיין אז אליעזר האט געהאט א טאכטער אינדערהיים, און **אין זיין הארץ האט ער זייער געוואלט אריינקומען אז יצחק זאל ווערן זיין איידעם.** דערפאר האט ער שטילערהייט געהאפט אז אפשר וועט די מיידל נישט וועלן קומען, און דעמאלסט – "אלי", יצחק וועט קומען צו מיר, **ער וועט חתונה האבן מיט מיין טאכטער.**

## פארוואס שטייט עס נישט פריער?

דא פרעגן די מפרשים א געוואלדיגע קשיא: **די זעלבע ווערטער האט דאך אליעזר שוין געזאגט פריער!** ווען ער איז געשטאנען פאר אברהם אבינו האט ער געפרעגט פונקט די זעלבע שאלה מיט'ן זעלבן לשון – **אולי לא תאבה האשה** - און דארט שטייט "**אולי**" מיט א ו'. ווי עס קוקט אויס האט ער נישט געהאט קיין שום באזונדערע כוונה ביים פרעגן די שאלה.

ערשט דא, ווען ער דערציילט עס איבער פאר בתואל און לבן, פעלט א ו' פון אולי, צו זאגן אז ער האט אינערליך געוואלט האבן יצחק פאר זיין אייגענע טאכטער. **פארוואס שטייט נישט דער רמז פריער,** באלד ווען אליעזר האט עס געפרעגט פון אברהם אבינו?

## וואס האט אליעזר אינזין געהאט

באמת איז די גאנצע זאך זייער אומפארשטענדליך. לאמיר אריינטראכטן, ווען א מענטש אינעם היינטיגן דור וואלט געהאט די זכי' **צו רעדן מיט אברהם אבינו** איין מאל, אדער **אפילו בלויז צו זען זיין הייליגע צורה**, איז קלאר אז ער וואלט נתעלה געווארן אויף א געוואלדיגע פארנעם, און **עס איז שווער צו גלייבן אז ער וואלט נאך אמאל געקענט טון אן עבירה.**

אליעזר איז נישט געווען סתם א משרת, נאר ער איז געווען **א תלמיד פון אברהם אבינו וועלכער האט איבערגעגעבן זיין תורה פאר אנדערע,** דולה ומשקה מתורת רבו לאחרים. אויב אזוי איז שווער צו פארשטיין ווי אזוי איז מעגליך אז אליעזר זאל אינזין האבן ביי זיך אין הארץ "אלי", און **שטילערהייט האפן אז דער שידוך מיט רבקה ארבעט זיך נישט אויס,** ווען ער ווייסט אז דאס איז קעגן די רצון פון **אברהם אבינו.**

אלא מאי, דאס איז זיכער אז אליעזר האט געהאפט מיט'ן גאנצן הארץ אז דער שידוך זאל צושטאנדע קומען, און ווען ער האט געפרעגט ביי אברהם "**וואס וועט זיין אויב דאס מיידל וויל נישט קומען**" – האט ער נישט אינזין געהאט עפעס פערזענליך, נאר ער האט אמת'דיג געוואלט וויסן וואס ער האט דא צו טון כדי אויסצופירן זיין שליחות בשלימות. אבער למעשה שפעטער זעען מיר אז ער האט יא געהאט

א רצון אז דער שידוך זאל נישט פאסירן. וואס גייט דא פאר?!

## דער סוד אונטער דער שאלה

ברענגט **דער הייליגער שפת אמת** (חיי שרה תרל"ב) א מורא'דיגע דערהער בשם דעם הייליגן קאצקער זי"ע, וואס פארענטפערט נישט בלויז די קשיא, נאר עס **שטעלט אראפ א יסוד וואס איז גאר וויכטיג פאר א מענטש אז ער זאל קענען זיך אליין.**

דער תירוץ איז: **אליעזר זעלבסט איז ערשט געווארן געוואויר שפעטער אז ער האט דא געהאט עפעס א באהאלטענע כוונה.**

אליעזר איז געגאנגען מיט א ריינע תמימות דורכצופירן דעם שליחות פון אברהם אבינו. ער איז אנגעקומען צום ברונעם אין ארם נהרים, און ער האט ערליך מתפלל געווען צום אויבערשטן אז ער זאל צושיקן דעם ריכטיגן שידוך פאר יצחק. אבער דאן האט ער געזען אז עפעס שפילט זיך דא אפ.

אליעזר שטייט שוין דארט מיט בתואל און מיט לבן, און זיי קווענקלען – אפשר יא, אפשר נישט. אליעזר האט געזען אז אפשר וועט מען איר נישט וועלן שיקן, אפשר וועט דאס מיידל נישט וועלן גיין. האט ער געהאלטן אז זיין פערזענליכע נגיעה קען צוברענגען אז דער שידוך זאל זיך נישט אויסארבעטן. ער האט אבער נישט געקענט פארשטיין, און זיך געוואונדערט: **'פארוואס זאל איך בכלל האבן א רצון אז דער שידוך זאל זיך נישט אויסארבעטן?'**

דעריבער דערציילט ער איבער באריכות די גאנצע מעשה, כדי צו פארשטיין בעסער ווי אזוי ער פילט וועגן דעם שידוך פאר יצחק, און בתוך הדברים דערמאנט ער: **"ווייסט וואס? איך האב שוין געפרעגט פון אברהם: אולי לא תאבה האשה".** און **אין יענעם מאמענט** כאפט ער זיך אז אין די טיפעניש פון זיין הארץ איז **געלעגן עפעס וואס האט אים געשטופט צו פרעגן די שאלה.**

ווען מען וואלט אים געפרעגט פריער: **"אליעזר טייערער, פארוואס פרעגסטו די שאלה? האסטו דא עפעס אן אייגענעם אינטערעס?"** – וואלט ער געענטפערט מיט'ן גאנצן הארץ: **"חלילה! גארנישט. איך וויל נאר וויסן וויאזוי צו אויספירן דעם שליחות".** און ער וואלט געזאגט דעם אמת, ווייל **דאס האט ער באמת געוואלט**, און אויף דעם האט ער מתפלל געווען צום אויבערשטן אז ער זאל צושיקן די פאסיגע כלה!

מיט דעם אלעם האט ער געהאט עפעס א באהאלטענע נגיעה וואס האט אים געפירט צו דער שאלה, און נישט קיין חילוק ווי שטארק אליעזר האט געוואלט אויספירן דעם שליחות מיט געטרייעשאפט, האט ער געהאט דערביי א שטילע, באהאלטענע מחשבה: **"הלוואי זאל זיך עס נישט אויסארבעטן..."**

ערשט נאכדעם וואס אליעזר האט ארויסגענישטערט די באהאלטענע מחשבה וואס ער האט געהאט ביים פרעגן די שאלה, האט דער שידוך זיך געקענט ענדיגן, ווייל יעצט, **איינמאל אליעזר איז געווען קלאר באוואוסטזיניג צו זיין נגיעה, האט ער זיך געקענט שטארקן דערויף!**

די "באהאלטענע מחשבה" איז דער באהאלטענער חלק פון א מענטש'ס מוח, וואס די וועלט רופט אן דעם "סאבקאנשעס מיינד". דארט זענען פארהאן זאכן וואס פירן אונז, איבערציגן אונז און מאטיווירן אונז, און מיר רעדן זיך איין אז מיר פירן זיך לויט'ן ריינעם שכל.

## "איך בין פסול צו פסק'נען!"

די הייליגע תורה זאגט אונז: **"לא תקח שוחד, כי השוחד יעור עיני חכמים ויסלף דברי צדיקים".**

רבותי, טראכט נאר אריין וואס דא שטייט. **דער הייליגער נודע ביהודה טאר נישט אננעמען א דאלער פון א בעל די** – ווייל אנדערש וועט ער נישט ריכטיג פסק'נען?! **דער הייליגער צאנזער רב**, וואס פאר כל חללי דעלמא, **פאר אלע געלטער אין דער וועלט**, וואלט ער נישט עובר געווען אויף א קוצו של יו"ד אין דער תורה – האלט מען אים אזוי ביליג? **פאר אפאר דאלארן וועט ער פארדרייען די הלכה?**

און דער איסור פון שוחד שטעלט זיך נישט אפ ביי געלט. די גמרא אין כתובות (קה ע"ב) ברענגט אראפ א רייע מעשיות פון די הייליגע אמוראים, ווי זיי זענען נזהר געווען אין איסור שוחד. דער אמורא שמואל האט געדארפט אריבערגיין א טייך מיט אזא שיפל; איז געשטאנען דארט א איד און האט אים דערלאנגט א האנט אים צו העלפן אריבערגיין. **דאס איז לכאורה א פשוט'ע טובה וואס יעדער איד וואלט אנגעטראגן פאר א צווייטן.**

פרעגט אים שמואל: **"ווער ביסטו, וואס טוסטו דא?"** ענטפערט יענער: **"איך בין געקומען צו א דין תורה".** זאגט אים שמואל: **"פסילנא לך לדינא** – איך בין שוין פסול צו פסק'נען פאר דיר, ווייל דו האסט זיך אנגעטראגן מיר צו העלפן."

די גמרא דערציילט אז אמימר האט געפירט דיני תורה, און אינמיטן איז ארויפגעפאלן א פעדער אויף זיין קאפ, איז איינער צוגעגאנגען און אראפגענומען דעם פעדער, האט אמימר אים מער נישט געוואלט פסק'נען זיין דין תורה, ווייל ער האט שוין געהאט א טובה פון דעם בעל דין.

**וואס האבן די הייליגע אמוראים געהאלטן?** האבן זיי טאקע געמיינט אז זיי זענען אזוי מלא נגיעות, אז אויב יענער האט זיי געהאלפן אריבערגיין דעם טייך אדער אראפגענומען א פעדער וועלן זיי יעצט פאלש פסק'נען? **פאר הונדערט טויזנט דאלער וואלטן זיי נישט פאלש גע'פסק'נט!**

## די טענות קומען פון זיך אליין

די גמרא דערציילט ווייטער אויף **רבי ישמעאל ברבי יוסי** אז ער האט געהאט אן ארבעטער וואס פלעגט אים ברענגען יעדן ערב שבת א זעקל פירות. איינמאל האט דער ארבעטער אים געברענגט די פירות א טאג פריער, אין דאנערשטאג. האט אים ר' ישמעאל ברבי יוסי געפרעגט, **"וואס איז דאס? פארוואס ביסטו געקומען א טאג פריער?"** האט אים דער ארבעטער געענטפערט, **"איך האב א דין תורה וואס איך וויל דער רבי זאל פסק'נען, האב איך שוין איינאיינוועגס געברענגט די פירות."** זאגט אים ר' ישמעאל ברבי יוסי, **"איך טאר דיר נישט פסק'נען."** דער תנא האט נישט אנגענומען די פירות, און געשטעלט א בית דין צו פסק'נען.

דערציילט די גמרא ווייטער אז בשעת די דין תורה איז פארגעקומען האט ר' ישמעאל בר' יוסי געהאלטן אין איין זאגן צו זיך, **"ער קען דאך טענה'ן אזוי, ער קען דאך טענה'ן דאס."** אזוי האט זיין מחשבה כסדר ארויפגעברענגט גוטע טענות וואס דער ארבעטער קען זאגן. האט ר' ישמעאל ברבי יוסי געזאגט, "מה דאך איך וואס איך האב למעשה גארנישט גענומען, און אפילו איך וואלט עס יא גענומען איז עס געווען מיינע אייגענע פירות, **פונדעסטוועגן האב איך שוין נוטה געווען לטובתו**, על אחת כמה וכמה איינער וואס נעמט געהעריג שוחד."

דא ליגט דער תירוץ, און דאס איז דער גאנצער יסוד. חס וחלילה צו זאגן אז אן ערליכער רב וועט גיין פארדרייען א דין תורה פאר אפאר דאלער, און אפגערעדט אז אפילו א מושחת וואלט נישט איינגעשטעלט צו פסק'נען קעגן די הלכה בלויז ווייל יענער האט געטון עפעס א קליינע טובה. רבי ישמעאל ברבי יוסי האט זיך אבער אליין איבערצייגט אז **איינמאל**

**א מענטש האט נהנה געווען פון א צווייטן,** אפילו בלויז א משהו, **האט ער פארלוירן די שליטה איבער זיך.** זיין מוח וועט שוין פון זיך אליין אויפקומען מיט הסברים צו געבן גערעכט פאר יענעם בעל דין!

## א באזונדערע טומאה

דער חזון איש שרייבט אין קונטרס אמונה ובטחון (פרק ג אות ל) אז שוחד איז א חוק. ווי ער דרוקט זיך אויס במתק לשונו: "נוסף על כח נגיעה שהוא ממנהג העולם כפי טבעת בני אדם, הוזמן כח טומאה בשוחד לטמטם הלב ולרדם את הבינה, להנעים בפי הדיין לזכות את משחדו" - "אויסער די פשוט'ע נגיעות וואס איז אין די טבע פונעם מענטש, **איז דא א באזונדערע כח טומאה ביי שוחד צו פארשטאפן דעם הארץ און איינשלעפן די פארשטאנד**, אז דער דיין זאל וועלן מזכה זיין דעם משחד."

אבער איין רגע, איז דען נישט שוחד אסור ווייל די תורה האט מורא אז דער דיין וועט פארדרייען דעם פסק לטובת דעם בעל דין וואס האט אים אונטערגעקויפט?

נישט ממש. הערט נאר די ראי' וואס דער חזון איש ברענגט: "שהרי לא אסרה תורה הוראה לעצמו". אז א איד טרעפט א שאלה אין זיין אייגענער בהמה, לאזט אים די תורה פסק'נען פאר זיך אליין. **מען האט נישט מורא אז ער וועט פארדרייען דעם פסק כדי צו כשר'ן זיין בהמה!** און דאך, אויב דער בעל דין נעמט אראפ א פעדער פון דעם דיין'ס קאפ, איז ער שוין פסול צו פסק'נען!

אוודאי קען מען נישט זאגן אז שוחד איז א חק בלי טעם, ווייל דער פסוק זאגט קלאר: "כי השוחד יעור עיני חכמים." נאר דער חזון איש מאכט דא א חילוק צווישן צוויי זאכן. עס איז דא די פשוט'ע נגיעות – **"כפי טבע בני אדם"** – דאס איז עפעס וואס ער ווייסט דערפון און ער קען זיך שטארקן דערויף. אבער **"הוזמן כח טומאה"** – עס איז באשטימט געווארן א באזונדערער כח טומאה וואס שטייט הינטער שוחד, אז **עס קען פארדרייען דעם מענטשן'ס שכל אן זיין ווייסן.**

## דער מוח ווערט געטוישט

שוחד איז נישט קיין וויסנשאפטליכע פסיכאלאגיע, נאר א מציאות אין דער בריאה וואס דער מענטש אליין וואלט נישט אנטדעקט. די תורה איז אונז מגלה אז עס איז פארהאן א באהאלטענער כח אין דעם מענטש, וואס מיר דארפן זיך אפהיטן פון דעם – טאקע ווייל דער שכל פארשטייט עס בכלל נישט.

איז שוחד א חוק? יא. נישט אז ס'פעלט א טעם, נאר דער טעם איז אין א ווינקל וואו דער מענטשליכער שכל האט נישט קיין צוטריט. **יא, די נישטיגע טובה וואס יענער האט געטון טוישט עפעס אינעם נפש פונעם מענטש.** נישט אין זיין שכל; אין זיין שכל איז ער גאנץ ריין. זיכער וועט דער אמורא, דער תנא, דער רב, בלויז פסק'נען דעם ריינעם אמת און זיך נישט בייגן פאר קיינעם. אבער אין די טיפענישן פון זיין הארץ, דארט וואו ער אליין קוקט נישט אריין, זאגט אים עפעס א קול: **"זע אז יענער זאל ארויסגיין צופרידן"**.

און דערפאר דארף מען אזוי אכטונג געבן. נעם נישט קיין שוחד – **אפילו דו האלטסט הונדערט פראצענט אז דו וועסט ריכטיג פסק'נען**, ווייל דו האסט א באהאלטענעם חלק אין דיין מוח וואס קען דיך שטופן צו מאכן א החלטה וואס איז געפירט פון דיין נגיעה, **כאטש דו אליין מיינסט אז עס איז שכל'דיג.**

## א הארבע סתירה אין ש"ך

עס ווערט דערציילט אן אינטערעסאנטע מעשה איבער דעם ענין.

דער ש"ך איז אמאל געווען אויפ'ן וועג, אין א שטאט וואו קיינער האט אים נישט געקענט. עס האט זיך געמאכט אז איינער האט אים געגעבן א פקדון צו האלטן, אסאך געלט. **למעשה איז דאס געלט גע'גנב'עט געווארן**, און יענער האט גע'טענה'ט אז דער ש"ך דארף אים באצאלן. דער ש"ך האט געהאלטן אז ער איז נישט מחוייב צו באצאלן, און אזוי האט זיך אנגעהויבן א דין ודברים צווישן זיי.

זענדיג אז זיי קענען זיך נישט דורכקומען, האט דער ש"ך פארגעשלאגן צו גיין צום ארטיגן רב פאר א דין תורה. וכך הוה. מען איז געקומען צום רב, ביידע האבן פארגעלייגט זייערע טענות און געבעטן דעם רב ער זאל פסק'נען. דער רב האט אויסגעהערט ביידע צדדים און ארויסגעגעבן זיין פסק: **דער נתבע איז חייב.**

ווען דער ש"ך האט געהערט דעם פסק האט ער זיך אריינגעלאזט **אין א העפטיגע משא ומתן מיט דעם רב**, און אים געברענגט פארשידענע ראיות פון די גמרא און פוסקים אויפצואווייזן אז ער איז גערעכט.

דער רב, וועלכער האט זיך ווייט נישט געקענט פארמעסטן מיט די גאונות פונעם ש"ך, הערט אויס די ראיות. ער פארקנייטשט זיך דעם שטערן און זאגט, "איך זע אז איר זענט א תלמיד חכם, **איך הער אייערע טענות**, און איך קען עס נישט אפפרעגן, אבער **לעצטנס איז ארויסגעקומען א נייער ספר פון א גרויסן גאון** וועלכער פסק'נט קלאר אז אין אזא פאל זענט איר **חייב** צו באצאלן."

**"ווי אזוי הייסט דער ספר?"** פרעגט אים דער ש"ך.

**"שפתי כהן..."** ענטפערט אים דער רב.

דער ש"ך האט זיך דעמאלטס געכאפט אז **ער אליין האט גע'פסק'נט אין זיין חיבור אויף חושן משפט** אז אין אזא פאל איז ער חייב צו באצאלן!

## די ראיות בליצן פלוצלינג אויף

וואס האט דא פאסירט? האט דען דער ש"ך חלילה געברענגט פאלשע ראיות כדי צו געווינען א דין תורה, קעגן זיין אייגענעם דעת תורה? אוודאי נישט! נאר וואס דען, אין זיין חיבור האט ער דורכגעטון די סוגיא אן קיין שום נגיעות, האט ער גע'פסק'נט לויט ווי עס איז אים באמת אויסגעקומען על פי הלכה. אבער יעצט אז עס איז געווען נוגע צו זיין אייגענעם טאש, **האט אים פלוצלינג אויפגעבליצט אין קאפ אלע סארטן ראיות אז ער איז פטור צו באצאלן.**

לאמיר זיך נישט טועה זיין, דער ש"ך האט געברענגט גוטע און שטארקע ראיות, וואס אפילו דער רב האט נישט געקענט אפפרעגן, אבער דאך איז עס געווען שלא כהלכה. **דער ש"ך האט באמת געהאלטן אז זיינע טענות און ראיות זענען אויסגעהאלטן**, און ער האט נישט געכאפט אז ער אליין האט שוין גע'פסק'נט פארקערט...

## אונטערגעקויפט דעם מנחת חינוך?!

דער מונקאטשער רב ברענגט א מערקווירדיגע מעשה אין זיין ספר דברי תורה (ח"ג סי' טו):

ווען דער הייליגער מנחת חינוך איז געווארן אויפגענומען אלס רב אין טארנאפאל, איז צוגעקומען צו אים איינער פון די בעלי בתים פון שטאט, און אים געזאגט, **"דער רב זאל וויסן אז איך האב שטארק געשטיצט זיין התמנות, און איך האב געקעמפט קעגן די וואס האבן זיך קעגנגעשטעלט דערצו."** דער מנחת חינוך האט אים באדאנקט.

א שטיק צייט שפעטער איז דער זעלבער בעל הבית געקומען צום מנחת חינוך און אים געבעטן אז ער זאל אפהאלטן א דין

תורה בנוגע עפעס א געלט סכסוך צווישן אים און א צווייטן סוחר. דער מנחת חינוך האט זיך אבער אפגעזאגט, צוליב דעם אויבנדערמאנטן שמועס וואס ער האט געהאט מיט אים, און אים מודיע געווען: "איך קען שוין נישט פסק'ענען דעם דין תורה, ווייל **דו האסט מיר שוין אונטערגעקויפט מיט דיינע ווערטער אז דו האסט מיר געשטיצט...**"

איפ'ן וואונדער פון דעם בעל הבית, האט דער מנחת חינוך אים געזאגט א פשט אין פסוק ביי די בנות צלפחד.

## שוחד פון די בנות צלפחד

מיר טרעפן אין די תורה אז די בנות צלפחד קומען אן צו משה רבינו מיט א שאלה וועגן די נחלה פון זייער טאטן. אינמיטן די ווערטער געבן זיי א וואורף אריין: "**אבינו מת במדבר, והוא לא היה בתוך העדה הנועדים על ה' בעדת קרח**" – אונזער טאטע איז געשטארבן, אבער ער איז נישט געווען צווישן די וואס האבן זיך געשטעלט קעגן דיר, ער איז נישט געווען פון קרח'ס עדה.

עס איז גרינג צו פארשטיין ווי אזוי די ווערטער זענען אריינגעקומען. מ'האט דעמאלטס געהאלטן אין מדבר נאך די גרויסע מחלוקת פון קרח ועדתו. די טעכטער פון צלפחד זענען געקומען מיט א הלכה'דיגער שאלה איבער די ירושה פון זייער פארשטארבענעם טאטן, און אגב, אזוי רעדנדיג, לאזן זיי פאלן ווערטער: "**אונזער טאטע איז געווען א מאמין בה', און איז נישט געשטארבן צוליב די מחלוקת פון קרח.**"

וואס טוט משה רבינו?

**"ויקרב משה את משפטן לפני ה'".**

משה רבינו זאגט: "**איך קען שוין נישט פסק'ענען, מען האט מיר שוין משחד געווען, איך ברענג די שאלה פאר'ן אויבערשטן.**" (רבינו בחיי במדבר כז ה, בשם "יש שפירשו" ועיי"ש שחולק על דבריהם).

דאס איז לכאורה א פלא. האט דען משה רבינו געמיינט חלילה אז ער וועט פארדרייען דעם דין ווייל זיי זענען אויף זיין זייט? חלילה וחס.

נאר פשט דערפון איז, ווען מ'הערט אזעלכע ווערטער – "ער איז געווען אויף מיין זייט" – איז **שוין נישט מעגליך במציאות** אז מען זאל פסק'ענען און דעם וואס מען זאל נוטה זיין פון זיך אליין צו יענעמ'ס צד!

## מען דארף נישט שטענדיג מאכן חשבונות

מען דארף וויסן אז דער כלל וואס די תורה שטעלט אראפ ביי שוחד איז נישט נאר שייך ביי דיינים וואס פירן דיני תורה, **דאס איז שייך ביי יעדע איינציגע זאך אין א מענטשנ'ס לעבן**. מענטשן גייען דורך גאנצע יארן און וויסן נישט וואס איז דער גורם צו זייער התנהגות.

אפשר וועט איינער יעצט קומען און זאגן: "אוי ווי, **מען האט מיר נאר ערגער געמאכט**... ביז אהער האב איך געמיינט אז איך ווייס וואס איך טו; יעצט זאגט מען מיר אז ס'ליגט אין מיר זאכן וואס איך ווייס גארנישט דערפון. ווי אזוי קען איך ווייטער פירן מיין לעבן ווען איך ווייס אליין נישט וואס זענען מיינע מאטיוון? ווי אזוי קען איך זיך מתגבר זיין אויף מיינע שוועריגקייטן ווען איך ווייס ניטאמאל פון וואו זיי שטאמען?"

אבער ניין, מיר זוכן נישט צו שווער מאכן פאר'ן מענטש. און עס איז טאקע נישט קיין ענין צו אנהייבן מאכן גאנצע חקירות ודרישות און שטודירן יעדע זאך פארוואס מען טוט דאס און פארוואס מען טוט יענץ. ווען אלעס גייט כשורה איז נישט כדאי אז מען זאל זיך פרובירן צו דערגרינטעווען איבער די גענויע מאטיוון פון יעדע זאך וואס מען טוט, ווייל עס ברענגט נישט קיין תועלת. **דער באשעפער האט אזוי באשאפן אז דער סאבקאנשעס זאל זיין באהאלטן פונעם מענטש**, ווייל **בדרך כלל** איז דאס גוט פאר אים. ווען ער זאל דארפן מאכן קאמפליצירטע חשבונות יעדע מאל ער וויל עפעס טון, וואלט ער געבליבן שטעקן לעולם ועד.

## א געוואוינהייט וואס מען קען נישט באזיגן

דער שמועס הייבט זיך אן ווען א מענטש פארהאנקערט זיך אין זיין לעבן. ער טרעפט זיך מיט א שלעכטע געוואוינהייט, א שווערע מידה, וואס ער קען נישט באזיגן. וויפיל ער זאל נאר הערן איבער די שעדליכקייט פון זיין געוואוינהייט, און וויפיל ער זאל זיך אליין איבערצייגן אז ער מוז עס טוישן, טרעפט ער זיך **איינמאל און נאכאמאל** צוריקפאלן צו דעם זעלבן געוואוינהייט.

אין אזא פאל איז יא וויכטיג צו דערגיין דעם שורש פון דעם פראבלעם, און עס באקעמפן פון דארט. אזוי ווי אליעזר עבד אברהם האט געדארפט ארויסבאקומען פון זיך אליין וואס זיין נגיעה איז געווען, **כדי זיך צו שטארקן איבער זיין אינערליכע מחשבה וואס האט נוטה געווען אז ער זאל נישט מצליח זיין**. אבער איינמאל ער האט דאס געכאפט האט זיין נגיעה מער נישט אפגעהאלטן דעם שידוך. דאס זעלבע קען יעדער מענטש טון - אבער נאר **איינמאל ער ווייסט וואס איז זיין אמת'ע מאטיוו**.

## משיבת נפש

**נקודות העולות מן המבואר:**

- **א מענטש טוט אפט זאכן צוליב סיבות וואס ער אליין ווייסט נישט פון זיי.**
- אפילו דער גרעסטער צדיק דארף זיך אפהיטן פון שוחד, ווייל עס ארבעט הינטער'ן באוואוסטזיין.
- **ווען א מענטש האט א נגיעה, וועט זיין מוח פון זיך אליין אויפקומען מיט אלע הסברים זיך צו בארעכטיגן.**
- ווען אלעס גייט כשורה איז נישט וויכטיג צו פארשטיין גענוי וואס מאטיווירט דעם מענטש.
- **ווען א מענטש קען נישט ערקלערן זיין אייגענע אויפפירונג, איז דאס א סימן אז די סיבה דערצו איז באהאלטן פונעם שכל.**
- ווען מען כאפט אויף די באהאלטענע מחשבה, קען מען עס לייכטערהייט איבערקומען.

לקבלת הגליון והשיעורים, להערות והנצחות נא לפנות לכתובת מייל
office@nafshyyeshoveiv.org
קו השיעורים 718-400-7566 - בארץ ישראל: 077-850-9310

OREGRAPH